בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' מטות

כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

## די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** אכט פסוקים פון אנהייב פרשה.

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די מנהגים פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**סיפורים:** מיר שיקן א "דף לקריאה" א ספעציעלע מעשה וואס די קינדער זאלן ליינען.

**א גוט שבת**

**המלמד**

ביטע ברענגען
א "חומש דברים - שמחת ישראל"

# אינהאלט פון די וואך

**פרשת נדרים**

מיר האבן געלערנט איבער אלע סארטן נדרים און די הארבקייט פון די עבירה צו עובר זיין אויף א נדר, וועגן דעם איז נישט כדאי צו מאכן א נדר בכלל, אבער ווער ס'האט געמאכט א נדר דארף זייער אכטונג געבן צו מקיים זיין די נדר וואס ער האט געמאכט, משה רבינו האט געלערנט די הלכות פון די אייבישטער און ער האט עס געלערנט מיט אהרן הכהן און נאכדעם מיט די הויפטן פון די שבטים פון די אידן, און נאכדעם מיט אלע אידן, קומט אויס אז משה רבינו האט איבער גע'חזר'ט 4 מאל אויף אלע הלכות און ער האט געלערנט עקסטער מיט די נשיאים כדי זיי צו מכבד זיין.

א מענטש וואס מאכט א נדר, אויב מאכט ער די נדר פאר זיך צו מקיים זיין עפעס א גוטע מנהג וכדו' אדער עסן עפעס א זאך, דעמאלטס דארף מאכן אלעס וואס ער האט געזאגט, און מ'קען מאכן א נדר נאר אויף א זאך וואס מ'מעג טוהן, צו טוהן אדער נישט צו טוהן, א זאך וואס מ'איז נישט מחוייב צו טוהן, אבער איינער וואס מאכט א נדר עובר צו זיין אויף די מצוות פון די תורה אדער ער מאכט א נדר צו מאכן א מצוה וואס ער איז מחוייב צו טוהן איז זיין נדר נישט קיין נדר.

און אויב האט ער חראה אויף די נדר, דארף ער גיין צו א רב מומחה אדער צו דריי מענטשן, און אויב ער האט חרטה און ער האט א פתח חרטה זאגט איהם דער רב אדער די דריי מענטשן "מותר לך, מותר לך, מותר לך" און פון דעמאלטס און ווייטער איז ער נישט מחוייב צו מקיים זיין די נדר.

א מיידל פון צוועלעף יאר אויב איהר טאטע האט געהערט אז זי האט געמאכט א נדר און אין די זעלבע טאג וואס ער האט געהערט האט ער איהר פארשטערט די נדר, דער טאטע זאגט "מופר לך, מופר לך, מופר לך", איז די נדר נישט קיין נדר, אבער דווקא אויב ס'איז געווען אין די זעלבע טאג, און אויך דווקא א נערה און נישט א בוגרת.

די צווישן-שייד צווישן מופר לך און מותר לך, מותר לך פארשטערט די נדר אזוי ווי ס'איז קיינמאל נישט געווען קיין נדר, און מופר לך מיינט אז פון יעצט איז נישטא קיין נדר.

## מלחמת מדין

משה רבינו האט גענומען לויט די באפעל פון דער אייבישטער טויזנט מענטשן און אין שפיץ פון זיי איז געווען פנחס וויבאלד ער האט אנגעהויבן די מצוה דארף ער ענדיגן צו נקמה נעמען די נקמה פון דער אייבישטער אין מדין ווייל זיי האבן געמאכט זינדיגן די אידן מיט עבירות.

די אידן האבן גע'הרג'עט אלע זכרים פון מדין, און בלעם מיט די קעניגן פון מדין זענען ארויף געפלויגן אין די לופט דורך כישוף, און פנחס האט געהאט אנגעטוהן די ציץ אויף זיין שטערן און ער האט געלייגט די ציץ אקעגן זיי און אזוי זענען זיי אראפ געפאלן און געשטארבן.

## כשר'ן כלים

נאך די מלחמה האבן אלע געברענגט זייערע כלים און מ'האט אלעס גע'כשר'ט ווי אזוי מ'דארף.

## די בקשה פון שבט ראובן מיט שבט גד און חצי שבט מנשה

די קינדער פון שבט גד און שבט ראובן מיט א האלבע שבט פון מנשה וויבאלד זיי האבן געהאט אסאך שאף האבן זיי געוואלט בלייבן אין די אנדערע זייט פון די ירדן, און משה רבינו האט זיך אויפגערעגט אויף זיי און האט זיי געזאגט: ענקערע ברודער וועלן גיין צו די מלחמה און ענק וועלן בלייבן זיצן דא? און זיי האבן צוגעזאגט אז זיי וועלן מיטגיין קיין ארץ ישראל צו האלפן פאר אלע שבטים ביי די מלחמה און אר נאכדעם וועלן זיי צוריק גיין צו זייער שטוב צו זייערע שאף.

# שאלות מיט תשובות

**א. וואס מיינט א נדר?**

נדר מיינט אז א מענטש זאגט צו אז ער וועט נישט מאכן עפעס א זאך, למשל אז ער וועט נישט עסן קיין פלייש, איז ער מחוייב צו מקיים זיין די נדר.

**ב. וועלכע נדר דארף ער נישט מקיים זיין?**

אויב ער האט געמאכט א נדר צו עובר זיין אויף די מצוות, למשל צו מחלל שבת זיין און פארשעמען א חבר.

**ג. וויפיל מאל האט משה רבינו איבער גע'חזר'ט די הלכות?**

4 מאל

**ד. ווען איינער האט געמאכט א נדר און ער וויל חרטה האבן אויף דעם וואס דארף ער טוהן?**

ער גייט צו א רב אדער צו דריי פשוט'ע מענטשן.

**ה. מיט וועלכע לשון פארשטערט א רב אדער דריי מענטשן א נדר?**

מ'זאגט "מותר לך, מותר לך, מותר לך" דריי מאל.

**ו. און מיט וועלכע לשון פארשטערט א טאטע אדער א מאן א נדר?**

מ'זאגט "מופר לך, מופר לך, מופר לך" דריי מאל.

**ז. וויפיל מענטשן האט משה רבינו געשיקט צו מלחמה האלטן מיט מדין?**

צוועלעף טויזנט מענטשן, טויזנט מענטשן פון יעדע שבט.

**ח. ווער איז מיט געגאנגען צו די מלחמה?**

פנחס.

**ט. ווי אזוי האט פנחס גע'הרג'עט די קעניגן פון מדין?**

דורך די ציץ

**י. ווי אזוי זענען די קעניגן פון מדין מיט בלעם געפלויגן אין די לופט?**

דורך כישוף

**יא. ווי אזוי האט מען געקענט עסן פון די כלים פון מדין נאך די מלחמה?**

מ'האט עס גע'כשר'ט אין פייער

**יב. פארוואס האבן די מענטשן פון שבט גד און פון שבט ראובן געבעטן צו בלייבן אין עבר הירדן?**

ווייל זיי האבן געהאט אסאך שאף.

**יג. משה רבינו האט מסכים געווען?**

משה רבינו האט מסכים געווען אבער נאר אויב זיי וועלן העלפן איינעמען ארץ ישראל.

# המשך עניני שבת

## <u>מלוה מלכה</u>

דער הייליגער שבת ווערט אנגערופן "מלכה", און ווען די מלכה גייט אוועק פון אונז מאכט מען לכבוד איהר א סעודה צו באגלייטן די מלכה.

די סעודה ווערט אנגערופן "סעודתא דדוד מלכא משיחא", די סעודה פון דוד המלך, ווייל דוד המלך האט געוואוסט אז ער גייט נפטר ווערן אין שבת, דעריבער האט ער יעדע וואך מוצאי שבת געמאכט א סעודה און געדאנקט דעם באשעפער אז ער איז נישט נפטר געווארן די שבת.

ביי די סעודה פון מלוה מלכה זינגט מען אסאך זמירות, ווייל דוד המלך איז געווען "נעים זמירות ישראל" און ער האט געמאכט די ספר תהלים וואס איז פיל מיט זמירות ותשבחות און לויב ווערט פאר השי"ת.

מ'צינדט אן 2 ליכט לכבוד מלוה מלכה, און מ'עסט די סעודה אפילו אויב מ'איז נישט הונגעריג.

אויך פירט מען זיך צו פארציילן סיפורי צדיקים ביי די סעודה פון מלוה מלכה.

# טז. הטווה



מ'טאר נישט שבת ארומדרייען מיט די הענט די וואהל אז ס'זאל ווערן דערפון חוטים.

און אזוי אויך טאר מען נישט שבת קניפן צוזאם דרייען א חוט פון ציצית.

# יז. המיסך



מ'טאר נישט שבת אויסציען די חוטים פון שתי צו אנגרייטן צו נייען דערפון שטאף (סחורה).

און אזוי אויך טאר מען נישט אוסציען שטריקן צו אויפהענגען די וועש.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**חומש:** ____________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** __________________________________

**שירים:** ____________________________________________

**נושא השבוע:** _______________________________________

**ברכת המזון:** _______________________________________

**התנהגות כללית:** ____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ___________________________________

**התפלל:** ____________________________________________

**הערות:** ____________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________

## צוריק שיקן זונטיג די "מעשה ביכל"